# קדושים ב

א. בסוף הפרשה, אין פסוק „ואיש או אשה כי יהי' בהם אוב או ידעוני מות יומתו", שטעלט זיך רש"י אויף „כי יהי' בהם אוב וגו'"[1] און פרעגט: „כאן נאמר בהם מיתה ולמעלה[2] כרת" (און ער ענטפערט אויף דעם אַז עס רעדט זיך אין צוויי באַזונדערע אופ־נים, כדלקמן סעיף ב').

איז אין דעם ניט מובן:

א) די קשיא „כאן נאמר בהם מי־תה כו'" איז דאָך אויף די ווערטער „מות יומתו", האָט דאָך רש"י לכאורה געדאַרפט מעתיק זיין די ווערטער בפירוש. פאַרוואָס איז ער אָט־די ווער־טער בלויז מרמז דורך צושרייבן „וגו'"[3]?

ב) פריער אין דער פרשה[2], וואו עס שטייט „והכרתי", שטייט „והנפש אשר תפנה אל האובות ואל הידעו־נים". איז דאָך רש"י'ס קשיא („כאן נאמר בהם מיתה ולמעלה כרת") ניט נאָר אויף אוב נאָר אויך אויף ידעוני[4]. היינט פאַרוואָס איז רש"י מעתיק (בפירוש) נאָר „אוב" און ניט „ידעו־ני"?

ג) בכדי צו מדגיש זיין אַז דער דין „מות יומתו" שטייט „בהם", ביי דעם זעלבן ענין (אוב וידעוני) וואָס פריער שטייט דערביי „והכרתי", איז דאָך נוגע צו ברענגען בלויז „אוב וגו'". פאַרוואָס איז רש"י מעתיק אויך די פריערדיקע ווערטער „כי יהי' בהם"?

ב. אויף דער קשיא „כאן נאמר בהם מיתה ולמעלה כרת" ענטפערט רש"י: „עדים והתראה בסקילה, מזיד בלא התראה בכרת".

דאַרף מען פאַרשטיין: פון וואַנעט לערנט ער אָפּ — בדרך הפשט — אַז אונזער פסוק רעדט זיך בעדים והתראה און דער פסוק „והכרתי" — במזיד בלא התראה?

לערנענדיק אין פשטות קומט אויס, אַז היות ווי סקילה איז האַרבער ווי כרת, לייגט זיך במילא אין שכל צו זאָגן, אַז „והכרתי" — אַ גרינגערער עונש — רעדט זיך אין פאַל וואו ס'איז ניט געווען קיין התראה; און „מות יומתו באבן ירגמו אותם דמיהם בם" — אַן עונש חמור ביותר[5] — רעדט אין אַ פאַל וואו ס'איז יע געווען

---

1) כ"ה ברוב הדפוסים. ובדפוס ראשון, מעתיק רש"י רק „כי יהי' בהם".

2) פרשתנו כ, ו.

3) ובפרט שאינו מוכרח שתיבת „וגו'" קאי גם על „מות יומתו", שהרי אפשר לומר שקאי רק על „או ידעוני" שלפני זה.

4) וכלשון רש"י „כאן נאמר בהם כו'" — לשון רבים.
ודוחק לומר ש„בהם" (לשון רבים) קאי על „ואיש או אשה" שבכתוב — כי בזה אין שום חידוש, והו"ל למיכתב רק „כאן נאמר מיתה כו'". וממה שמוסיף „בהם" מוכח שמחדש בזה משהו. ועוד (ועיקר) — אז הו"ל לרש"י להעתיק גם התיבות „ואיש וגו'". וראה להלן סעיף ט' והערה 26.

5) ועפ"ז יומתק לשון רש"י „עדים והתראה בסקילה" — אף שקושייתו היא „כאן נאמר בהם מיתה" (איזו שתהי') — כי מכיון שהוכחתו שפסוק דידן איירי בהת־ראה היא מחומר העונש, לכן נקט (כפי האמת) סקילה שהיא מיתה הכי חמורה (סנה' נט, ב ואילך), כי מזה מוכח ביותר שאיירי כאן בהתראה.

התראה. ווארום פארן טאן א חטא טראָץ דעם וואָס מען איז אים מתרה, קומט אַ פיל האַרבערער עונש.

ס'איז אָבער ניט מובן: רש"י אַליין זאָגט דאָך אַז דער חיוב סקילה איז דוקא בשעת עס זיינען דאָ „עדים והתראה", ד. ה. אַז עס קומען עדים און זיינען מעיד פאַר בי"ד אַז פלוני האָט עובר געווען אויפן חטא פון אוב או ידעוני. ווארום אָן עדים קענען דאָך ב"ד ניט וויסן אויף זיכער אַז יענעם קומט מיתה.

— ווערט לפי"ז שווער: פון וואַנעט לערנט מען אָפּ אַז דער חילוק צווישן די צוויי פסוקים („מות יומתו" און „והכרתי") באַשטייט אין דעם אופן ווי יענער האָט געטאָן דעם איסור (צי בהתראה אָדער בלא התראה)[6], עס קען דאָך זיין אַז בײדע פסוקים ריידן וועגן איין און דעם זעלבן אופן (בהתראה[7]), נאָר דער חילוק שביניהם איז, אַז בעדים זיינען ב"ד מחייב סקילה, און בעת קיין עדים זיינען ניטאָ — וואָס דאַן קענען ב"ד קיין מיתה ניט מחייב זיין, ווערט ער באַשטראָפט מן השמים מיטן עונש כרת[8]?

עוד קשה וביותר: דער עונש „והכר־תי" אויף אַ חטא וואָס איז אַ חיוב סקילה, איז דאָ אויך פריער אין דער זעלבער פרשה[9] — ביי דעם חטא פון „יתן מזרעו למולך". און דאָרט איז דער פסוק גופא מפרש אַז דער עונש „והכרתי" קומט אין פאַל ווען „העלם יעלימו עם הארץ את עיניהם גו' לבלתי המית אותו", וואָס דאַן איז „ושמתי אני את פני גו' והכרתי אותו גו'".

האָט מען דאָך לכאורה געדאַרפט זאָגן, אַז אַזוי איז עס אויך בנוגע אוב וידעוני, אַז „והכרתי" רעדט זיך בעת (ב"ד) העלם יעלימו את עיניהם פון צו באַשטראָפן אים. — פון וואַנעט דרינגט רש"י אַרויס אַז די צוויי עונ־שים (סקילה און כרת) ביי אוב וידעו־ני זיינען ביי צוויי באַזונדערע אופני החטא[10]?

ג. לאחרי ווי רש"י פאַרענטפערט „עדים והתראה כו' בכרת", איז ער מוסיף נאָך צוויי ענינים: איין ענין (בנוגע צו אוב וידעוני) — „ושגגתם חטאת", אַז פאַרן חטא פון אוב וידעוני בשוגג, קומט אַ קרבן חטאת; און אַ צווייטן ענין — „וכן בכל חייבי מיתות

6) בפרש"י על הש"ס (סנה' מ, סע"ב), שמה שכרת לא בעי התראה הוא לפי „דקמי שמיא גליא אם הוא שוגג או מזיד". אבל מלשון רש"י „מזיד בלא התראה כו'" משמע שגם בלא התראה הוא מזיד ודאי, וההתראה מוסיפה חומר בהחטא. והרי בפש־טות — כשמתרין אותו ובכ"ז חוטא, ה"ז מראה על עזות כו' יותר. וראה גם תוד"ה מניין להתראה (סנה' שם).

7) אבל אין לומר שבב' הפסוקים איירי בלא התראה — כי כל חיובי מיתת ב"ד הם בהתראה דוקא (ראה רש"י משפטים כב, ב. תשא לב, כ. שם לה).

8) וגם אינו מובן: מכיון שההפרש בין חיוב סקילה לחיוב כרת הוא בענין ההתראה (דלהיות שהחטא בהתראה חמור יותר — עונשו חמור יותר), וענין העדים שמזכיר הוא רק כי בלאו הכי אי אפשר לבית דין להענישו* — בשביל מה כותב כאן „עדים", והרי זהו דבר פשוט?

9) כ, ב־ה.

10) ויתירה מזו: בסיום פירושו מו־סיף „וכן בכל חייבי מיתות שנאמר בהם כרת" (ובמילא גם נתינת זרעו למולך בכלל זה), והרי מפורש בכתוב שהכרת גבי נתינת זרעו למולך הוא „אם העלם יעלימו גו'"?

*) שלכן גבי כרת כותב „מזיד כו'" (שאין חילוק כלל אם ישנם עדים אם לאו) — כי כלפי שמיא גליא. ופשוט.

שנאמר בהם כרת", אַז אויך אַלע חטאים וואו עס שטייט סיי חיוב מיתה סיי חיוב כרת, איז דער פירוש אין דעם אַז דער חיוב מיתה איז בעדים והתראה און דער חיוב כרת — ביי מזיד בלא התראה [10*].

איז אין דעם ניט מובן: בכדי צו פאַרענטפערן די קשיא „כאן נאמר בהם מיתה ולמעלה כרת" איז דאָך נוגע בלויז צו מבאר זיין די פאַלן וועגן וועלכע די צוויי פסוקים ריידן. וואָס איז אָבער נוגע דאָ וואָס פאַר אַ קרבן עס קומט אויף אַ שוגג און אַז אַזוי איז אויך „בכל חייבי מיתות שנאמר בהם כרת"?

ד. איז דער ביאור אין דעם:

די ווערטער „כאן נאמר בהם מיתה ולמעלה כרת" מיט וועלכע רש"י הויבט אָן זיין פירוש, זיינען

[ניט וואָס רש"י פרעגט אַ סתירה — וואָרום כנ"ל (סעיף ב') קען מען זאָגן, אַז „והכרתי" רעדט זיך אין פאַל וואו ס'איז ניטאָ קיין עדים אָדער ווען ב"ד זיינען מעלים עין פון צו באַשטראָפן דעם חוטא ווי מפורש פריער בנוגע למולך — נאָר זיי זיינען]

די התחלה פון רש"י'ס פירוש ובי־אור מיט וועלכע ער פאַרענטפערט אַן אַנדער קשיא וואָס איז שווער אין פסוק — אין די ווערטער „כי יהי' בהם אוב".

און מצד דעם וואָס די קשיא איז אין „כי יהי' בהם אוב", און די ווער־טער „מות יומתו" — „כאן נאמר בהם מיתה כו'" — פאַרענטפערן אָט־די קשיא, איז דעריבער רש"י מעתיק בפירוש פון פסוק בלויז „כי יהי' בהם אוב", און „מות יומתו" איז ער מרמז מיט „וגו'".

ה. וואָס איז דאָ שווער אין „כי יהי' בהם אוב"?

א) פריער [11] שטייט „והנפש אשר תפנה אל האובות גו'", האָט דאָך אויך דאָ געקענט שטיין דער זעלבער לשון. פאַרוואָס שטייט דאָ „כי יהי' בהם אוב" [12]?

ב) וויבאַלד אַז אויך אין אונזער פסוק רעדט זיך וועגן אוב וידעוני — וועגן דעם זעלבן ענין וואָס עס רעדט זיך פריער אין פרשה (נאָר דאָ קומט צו דער חיוב מיתה), האָט דאָך דער פסוק געדאַרפט שטיין בסמיכות צום פריערדיקן פסוק „והנפש אשר תפנה אל האובות גו'" (בדוגמת חיוב מיתה און חיוב כרת ביי נתינת זרעו למולך — וואָס זיי שטייען בסמיכות זל"ז [9]), פאַרוואָס שטייט אונזער פסוק ערשט בסוף הפרשה לאחרי הפסק של כמה וכמה דינים [13]?

איז רש"י מפרש (ובמילא — פאַלן אָפּ די קשיות): „כאן נאמר בהם מיתה ולמעלה כרת", אַז דאָס וואָס דער פסוק „כי יהי' בהם אוב וגו'" שטייט „כאן" און דער פסוק „והנפש

10*) אולי י"ל שהכוונה גם ל„ושגגתם חטאת" — אף שבא כאן רק בתור הוספה ולא לתרץ „פשוטו של מקרא". וראה לקמן סעיף ז'.

11) פרשתנו כ, ו. וגם לפנ"ז (יט, לא) — בהאזהרה — אל תפנו גו'.

12) בפרש"י על הש"ס (סנה' סה, א — ד"ה באזהרה) ש„אל תפנו" הוא אזהרה לנשאל בהם. ולפי"ז הי' אפשר לתרץ, ש„אל תפנו" וכן „והנפש אשר תפנה גו'" קאי על הנשאל בהם (וכקושיית התוס' שם, שגם הנשאל יהא מחוייב כרת), ו„כי יהי' בהם גו'" קאי על בעל אוב. אבל בפירושו על התורה מפרש רש"י להדיא ש„אל תפנו אל האובות" הוא אזהרה לבעל אוב.

13) לאחרי דיני חייבי מיתה. וגם לאחרי „ושמרתם את כל חוקותי . . והייתם לי קדושים גו'".

אשר תפנה אל האובות גו׳״ שטייט „למעלה״ (און זיי זיינען ניט בסמיכות זל״ז), איז עס דערפאַר וואָס זיי ריידן וועגן צוויי באַזונדערע ענינים: „כאן״ רעדט זיך וועגן „מיתה״, „ולמעלה״ — וועגן „כרת״.

אָבער דערמיט אַליין קען זיך רש״י ניט באַגנוגענען. ווייל (א) דאָס פאַר־ענטפערט ניט וואָס אין אונזער פסוק שטייט „יהי׳ בהם״ און ניט „אשר תפנה״, ווי פריער. (ב) אפילו בנוגע דערצו וואָס דער פסוק שטייט „כאן״ און ניט „למעלה״ איז נאָך דער תירוץ ניט מספיק: אויך ביי נתינת זרעו למולך זיינען צוויי באַזונדערע עונשים — כרת און מיתה, ואעפ״כ שטייען זיי בסמיכות זה לזה, מצד דעם וואָס די פעולות אויף וועלכע עס קומען די עונשים זיינען די זעלבע. איז פאַר־וואָס עפעס ביי אוב וידעוני שטייען די חיובים אָפּגערוקט זה מזה?

איז רש״י ממשיך: „עדים והתראה בסקילה, מזיד בלא התראה בכרת״, אַז די צוויי עונשים וועלכע שטייען ביי אוב וידעוני זיינען אויסגעטיילט (ניט נאָר בנוגע להעונש, ווי ביי נתינת זרעו למולך, נאָר אויך) אין דעם (אופן) פעולת החטא פון אוב וידעוני: „כאן״ רעדט זיך וועגן אוב וידעוני „בעדים והתראה״, און „למעלה״ רעדט זיך וועגן „מזיד בלא התראה״. און דערפאַר שטייען זיי אָפּגערוקט, ווייל זיי זיינען צוויי פאַרשידענע אופנים אין אוב וידעוני[14].

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס אין אונזער פסוק שטייט „כי יהי׳ בהם״, און ניט „אשר תפנה״ ווי פרי־ער — ווייל די ווערטער „יהי׳ בהם״ ווייזן אויף עדים והתראה, כדלהלן.

ו. דער לשון יהי׳ — אַז עס וועט זיין — ווייזט אויף אַ מציאות (חזקה ו)ברורה[15]. ד. ה. אַז פאַר די דיינים — וואָס זיי דאַרפן אַרויסגעבן דעם פסק דין „מות יומתו באבן ירגמו גו׳״ — זאָל זיין ברור אַז ס׳איז געווען דער חטא פון אוב או ידעוני; און וויבאַלד אַז די דיינים קענען ניט וויסן בבירור סיידן עס זיינען פאַראַן עדים, הייסט עס דאָך אַז „כי יהי׳״ איז דער „טייטש״, עס מיינט — בעדים.

וואָס מיינט „בהם״ — אין זיי?

בעת אַ מענטש טוט אַ געוויסע פעולה (שלא ברצונו, אָדער) בשוגג, איז עס ניט „פאַרבונדן״ מיט עם, עס רירט אים ניט אָן, עס „פאַרנעמט״ עם ניט; און וואָס זיין (רצון און) „מזיד״ איז אַ גרעסערער — אַלץ מער איז ער אין דעם, די פעולה איז מער בפנימיותו.

דערפון איז מובן, אַז בעת מען זאָגט אַז דער „אוב או ידעוני״ אויף וועלכן עס קומט סקילה, איז אין אַן אופן פון „יהי׳ בהם״, מיינט עס אַז דער „מזיד״ דערביי איז געווען אין אַ גאָר שטאַרקן אופן. און דערפאַר לערנט רש״י אַז דאָס מיינט „בהתראה״, וואָרום דאַן איז עס דער אמת׳ער „מזיד״ — „בהם״: בשעת אימעצער טוט אַ חטא ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מען האָט אים מתרה געווען — איז עס דאָך אַ פיל גרעסערער זדון, כמובן בפשטות.

ז. אין דעם דין (וואָס מען לערנט אָפּ פון דעם פסוק) אַז דער חיוב מיתה איז דוקא בהתראה — קען מען

14) ביאור נוסף בזה — ראה להלן סעיף ח׳.

15) ראה רש״י פרשתנו יט, כג (מתו״כ עה״פ): יהי׳ בהווייתו יהא. ולהעיר ג״כ מפרש״י בראשית א, ו: יהי רקיע — יחזק הרקיע.

לערנען צוויי אופנים: א) אַז התראה איז דער גדר (און מאַכט) זדון[16]. ד. ה. אַז בעת מען טוט אַ חטא וויסנדיק, אָבער שלא בהתראה, איז כאָטש עס איז ניט שוגג, אָבער דאָך הייסט עס נאָך ניט במזיד — ביד רמה[17] (ע"פ תורה). ב) אַז אויך אָן התראה הייסט עס זדון. און דאָס וואָס אָן התראה איז ניטאָ קיין חיוב מיתה, איז עס דערפאַר וואָס צוליב מחייב זיין מיתה פאָדערט זיך אַ גרעסערער זדון — אַזאַ וואָס איז געוועזן נאָך התראה.

די נפקא־מינה איז: אויב מען זאָל לערנען ווי דער צווייטער אופן, אַז אויך אָן התראה איז עס זדון, נאָר ביי חיוב מיתה איז דער פסוק מגלה אַז מען דאַרף האָבן אויך התראה — לייגט זיך דאָן צו זאָגן, אַז דער חילוק צווישן חיוב כרת און חיוב מיתה באַשטייט בלויז אין דעם וואָס כרת דאַרף ניט קיין התראה. אָבער אויך כרת איז דוקא במזיד, וואָרום ס'איז ניט מסתבר צו זאָגן, אַז מען זאָל אימעצן מעניש זיין בעונש כרת, אויף אַ חטא וואָס ער טוט בשוגג;

אויב אָבער מען זאָל אָננעמען ווי דער ערשטער אופן, אַז התראה איז דער גדר פון במזיד, דאַן וועט דאָך אויסקומען, אַז חיוב כרת — וויבאַלד ער קומט אויך בלי התראה, קען ער קומען אויך אויף אַ שוגג. — וואָרום מ'זעט דאָך אַז אויך אויף אַ פעולה בשוגג איז דער מענטש שולדיג, והראי': ער מוז ברענגען אַ קרבן (חטאת ואשם), דאַרף האָבן כפרה[18] וסליחה און מ'זאָגט אויף דעם ונשא עונו[19] וכו'.

ווערט דאָך לפי זה די שאלה: פון וואַנעט ווייס עס רש"י צו אָננעמען אַז חיוב כרת איז דוקא במזיד?

איז אַט־די שאלה באַוואָרנט רש"י דורך מוסיף זיין „ושגגתם חטאת": וויבאַלד אַז פאַר עובר זיין אויף אוב וידעוני בשוגג איז דאָ אַ חיוב חטאת (ווי רש"י האָט שוין געזאָגט אין אַ פריערדיקער סדרה[20] אַז פאַר עובר זיין בשוגג אויף אַן איסור כרת איז מען חייב אַ קרבן חטאת), איז דאָך דערפון מובן אַז דער חיוב כרת איז דוקא במזיד.

ח. לאחרי כל הנ"ל איז נאָך אַלץ ניט מובן, פאַרוואָס דער פסוק „כי יהי' בהם אוב וגו'" שטייט „כאן" און ניט צוזאַמען מיטן דין פון חיוב כרת אויף אוב וידעוני: הן אמת אַז דאָרט רעדט זיך אָן התראה און דאָ — בעדים והתראה, וויבאַלד אָבער אַז ביידע דינים זיינען אין אוב וידעוני, האָבן ביידע פסוקים געדאַרפט שטיין צוזאַמען[20*]?

דעריבער איז רש"י מוסיף „וכן בכל חייבי מיתות שנאמר בהם כרת",

---

16) ראה סנה' (ח, סע"ב. וש"נ) „שלא ניתנה התראה אלא להבחין בין שוגג למזיד". (וראה רדב"ז וכס"מ וכו' לרמב"ם הל' סנה' פי"ב ה"ב, שגם רבנן ס"ל כן — אבל מתוד"ה מנין (סנה' מ, סע"ב) משמע שטעם זה הוא רק אליבא דריב"י. עיי"ש).

אבל ה"ז בדרך ההלכה (שההתראה היא להבחין בין שוגג למזיד), ועפ"פ דרך הפשט י"ל שע"י ההתראה נעשה (ומתגדל) הזדון (וראה לעיל הערה 6).

17) רש"י שלח טו, ל. וראה ג"כ רש"י יתרו (יח יא) זדו, הרשיעו. ועוד.

18) ראה רש"י (שבועות ב, א) ד"ה תולה. וראה אגה"ק (סו"ס כח): שהן מהתגברות כו'.

19) ויקרא ה, יז. ולהעיר מפרש"י שם.

20) ויקרא ד, ב.

*20) ראה פרש"י משפטים (כא, טז בסופו): והפסיק הענין כו'.

אַז דאָס וואָס דער פסוק „כי יהי' בהם אוב וגו' " שטייט „כאן" און ניט „למעלה", איז עס בכדי צו אָפּלערנען דערפון אויף אַלע חייבי מיתות שנאמר בהם כרת, אַז דער חיוב כרת ביי זיי איז אויך „בלא התראה":

אַזוי וואָלט געווען אַ סברא, אַז דער עונש כרת וואָס שטייט ביי חייבי מיתות איז געזאָגט געוואָרן דוקא אין פאַל, ווען דער חטא ווערט געטאָן באופן, וואו ס'איז דאָ דערויף אַ חיוב מיתה (נאָר היות ווי ב"ד האָט מצד איזה טעם ניט מעניש געווען דעם חוטא בעונש מיתה, איז מען אים מעניש מלמעלה בעונש כרת). אָבער אין פאַל וואו ער האָט געטאָן דעם חטא בלא התראה, וואָס דאַן קומט אים ניט קיין מיתה, איז אויך ניטאָ קיין חיוב כרת.

און כאָטש אַז ביי אוב וידעוני איז דאָ דער חיוב כרת אויך בלא התראה (וכדמוכח פון דעם וואָס „(יהי') בהם", וואָס ווייזט אויף (עדים און) התראה (כנ"ל סעיף ו'), זאָגט די תורה דוקא ביים פסוק „מות יומתו") — וואָלט מען אָבער געזאָגט, אַז אָט־דער דין פון כרת בלא התראה איז דוקא ביי אוב וידעוני, משא"כ ביי אַלע אַנדערע חייבי מיתות, איז דער עונש כרת דוקא ווען ער טוט דעם חטא באופן וואָס ער איז מחוייב מיתה (אַזוי ווי ביי „יתן מזרעו למולך" וואו תורה אַליין זאָגט אַז דער „והכרתי" איז דוקא ווען „העלם יעלימו" [9]),

— דערפאַר שטייט דער פסוק „כי יהי' בהם אוב וגו' " (פון וועלכן מען לערנט אָפּ אַז דער חיוב כרת ביי אוב וידעוני איז אויך בלא התראה) „כאן" און ניט „למעלה", בכדי אָפּצולערנען דערפון אַף די „חייבי מיתות שנאמר בהם כרת" וואָס זיינען געשריבן צווישן „למעלה" און „כאן" (ובמילא אויף אַלע כיוצא בהם).

— אין אַנדערע ווערטער: פון „למעלה" ביז „כאן" (וואָס ביידע רעדן וועגן די זעלבע זאַך — „אוב וידעוני") איז דאָס איין „ענין" וואָס איז כולל כמה פרטים —

על דרך הלימוד [21] „כל דבר שהי' בכלל ויצא מן הכלל ללמד לא ללמד על עצמו יצא אלא ללמד על הכלל כולו יצא" — אויך אויף אַלע חייבי מיתות שנאמר בהם כרת, אַז אויך זייער כרת איז בלא התראה:

דער „והכרתי" ביי אוב וידעוני איז דאָך געווען אין כלל פון אַלע חייבי מיתות שנאמר בהם כרת, וואָס מען וואָלט געזאָגט (אלולי הלימוד פון „יהי' בהם") אַז דאָס איז דוקא בהתראה — ווען ער איז מחוייב מיתה. און דערנאָך, בסיום הסדרה איז ער „יצא מן הכלל ללמד" אַז ער איז דאָ אויך בלא התראה — איז לא ללמד על עצמו בלבד יצא אלא ללמד על הכלל כולו יצא, אַז אויך כל חייבי מיתות שנאמר בהם כרת, איז דער כרת פאַראַן אויך בלא התראה.

ט. אין רש"י זיינען דאָך פאַראַן אויך „ענינים מופלאים" [22] אויך פון חלק ההלכה שבתורה — זעט מען אין אונזער פירש"י, ווי בסגנון לשונו (אין איין וואָרט) איז ער מרמז אַן ענין פון הלכה שבתורה:

דער לשון פון רש"י איז „מזיד בלא התראה בכרת ושגגתם חטאת". ולכאורה, וויבאַלד אַז ביי כרת זאָגט ער דעם לשון „מזיד" (ניט „זדונם"), האָט ער דאָך אויך ביי חטאת געדאַרפט

---

21) הובא בפרש"י עה"ת — בא יב, טו. ראה טז, ח.

22) של"ה במס' שבועות שלו (קפא, א).

זאָגן „ושוגג חטאת". פאַרוואָס זאָגט ער „ושגגתם" (לשון רבים)? נאָר דערמיט איז ער מרמז אַן ענין אין הלכה:

בשעת איינער טוט די צוויי עבי־רות פון „אוב" און „ידעוני" בהעלם אחד, איז אין גמרא[23] פאַראַן אַ פלוג־תא צי איז ער מחוייב בלויז איין חטאת אָדער צוויי. ר׳ יוחנן האַלט, וויבאַלד אַז „שניהן בלאו אחד נאמרו" — ביים לאו „אל תפנו אל האובות ואל הידעו־נים"[24] ווערן זיי געזאָגט צוזאַמען „ואל הידעונים" (און ניט „או אל הידעונים") — איז אויף ביידן פאַראַן איין חיוב חטאת. און ריש לקיש האַלט אַז עס קומט אויף זיי צוויי חטאות, ווייל „חלוקין הן במיתה" — ביים פסוק „מות יומתו" טיילט זיי דער פסוק אויס באַזונדער „אוב או ידעוני".

און דאָס איז רש"י מרמז בשינוי הלשון (אַנשטאָט „ושוגג") „ושגגתם" (ל׳ רבים), אַז אויף אַ שגגה פון זיי (פון אוב וידעוני[25]) אין אַן אופן פון אוב וגו׳ („או ידעוני" — דוקא) — קומט „חטאת", ל׳ יחיד — אָבער ווען עס איז אַנדערש — איז אויך דער דין אַנדערש: אויב „יהי׳ בהם אוב וידעו־ני" ער טוט זיי ביידע (בהעלם אחד) — איז ער מחוייב צוויי חטאות[26].

דאָס איז אויך מרומז דורך דעם וואָס רש"י איז מעתיק נאָר די ווער־טער „כי יהי׳ בהם אוב" און איז משמיט (און טיילט אָפּ) ידעוני — בכדי צו מרמז זיין אַז אוב און ידעוני חלוקין הם.

23) סנה׳ סה, א. כריתות ג, ב.

24) כ"ה להדיא בפרש"י סנה׳ שם. וכן מגיהים כמה מפרשים ברש"י כריתות שם.

25) אין לומר דקאי על „ואיש או אשה" — כיון שתיבות אלו לא הועתקו ולא נר־מזו בפרש"י.

26) וכיון שבכתוב נאמר „או ידעוני" (ורמזו רש"י ב„וגו׳") ורש"י כותב „ושגגתם" — נרמז בזה ג"כ שגם בידעוני חייב חטאת (אף שהוא לאו שאין בו מעשה — ראה סנה׳ וכריתות שם).

יו"ד. ויש להמתיק וואָס דוקא דאָ איז רש"י מרמז ענינים פון הלכה, ועוד (ועיקר): פאַרוואָס איז ער מפרש כריש לקיש, וואָס דאָס איז ניט ווי די הלכה — וואָרום ר"י ור"ל איז דאָך הלכה כר"י[27]?

והמענה: דורך דער הוספת ההלכה „ושגגתם חטאת" ווערט אויך גלאַט[27*] אַן ענין אין פשוטו של מקרא:

ביי דער אזהרה אויף אוב וידעוני שטייט „אל תפנו אל האובות ואל הידעונים". אויך ביים חיוב כרת שטייט „והנפש אשר תפנה אל האובות ואל הידעונים". — וואָס אין די ביידע פסוקים איז „ואל" דער טייטש (וקי־צור פון) „או אל"[28] — איז פאַרוואָס שטייט דאָ „אוב או ידעוני"[28*]?

27) יבמות (לו, א) ועוד.
קושיא איננה, כי הרי ידוע (יד מלאכי כללי רש"י ותוס׳ כלל א׳) שרש"י אפילו בפירושו על הש"ס „רגיל לפרש יותר קרוב לפשוטו אע"ג דלית הלכתא הכי, כי כן דרך הש"ס ג"כ כו׳", ומכש"כ בפירושו על התורה שכותב (נסמן בלקו"ש ח"ה ע׳ 1 הערה 1) שמפרש ע"פ פשוטו של מקרא. ובכו"כ מקומות מפרש שלא כמסקנת ההלכה.

27*) להעיר מפרש"י בראשית (ג, ח): ואני לא באתי אלא לפרש פשוטו של מקרא ולאגדה המיישבת דברי המקרא כו׳ (וראה גם לקו"ש שם הערה 2).

28) ולפשיטות הדבר לא הוצרך רש"י לפרשו. וראה שם בסמיכות (כ, ט): ואת אמו גו׳ ואמו גו׳. פרש"י משפטים (כא, טו) ד"ה אביו. ואכ"מ.

28*) ודוחק גדול לומר דאגב לשון תחלת הכתוב „או אשה" משנה משתי פעמים הקודמות וכותב „או ידעוני" — והרי אדרבא הו"ל לכתוב „ואשה" אגב ההמשך „וידעוני".

איז אויך אַט־דער דיוק ווערט באַוואָרנט דורך זאָגן בשינוי „ושגגתם חטאת" און דורך משמיט זיין „או ידעוני": דאָס וואָס דאָ שטייט בפירוש „או" — חלוקין הן במיתה", איז עס בכדי צו אָפּלערנען דערפון, אַז דוקא אויף „אוב" אַליין אָדער אויף דעם „וגו'" — (או ידעוני) — אַליין קומט חטאת — ל' יחיד — אָבער אויף אוב וידעוני (בהעלם אחד) — קומט צוויי חטאות.

יא. ע"פ הנ"ל וועט מען אויך פאַרשטיין די שייכות פון „ואיש או אשה כי יהי' בהם אוב או ידעוני מות יומתו גו'" — צו פ' קדושים.

[וואָס כאמור כמה פעמים[29], ווייזט אָן דער נאָמען פון אַ סדרה אויפן תוכן פון דער גאַנצער סדרה, ביז צו די סאַמע לעצטע ווערטער פון איר. ואדרבה: וויבאַלד אַז „נעוץ תחלתן בסופן וסופן בתחלתן"[30], דריקט זיך אויס דער נאָמען פון דער סדרה, וואָס איז פאַרבונדן און (נאָכמער) גענומען פון איר התחלה — בפרט אין דעם סיום הסדרה].

ולכאורה, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער חיוב מיתה ביי אוב או ידעוני אין לעצטן פסוק — צו „קדושים"?

די שייכות פון חיוב כרת בכלל צו „קדושים" קען מען מבאר זיין ע"פ מ"ש הרמב"ם[31] אַז מסכת כריתות איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אין סדר קדשים ווייל „כל שזדונו כרת שגגתו חטאת", און חטאת איז דאָך אַ קרבן — אַן ענין פון קדשים. אַזוי איז אויך, וויבאַלד אַז כריתות האָט צו טאָן מיט „קדשים", האָט עס אַ שייכות צו „קדושים". וואָס איז אָבער די שייכות צווישן דעם חיוב מיתה (שבסוף הסדרה) צו קדושים?

ועפ"י האמור לעיל, אַז אין דעם פסוק לערנט מען אויך דעם חיוב חטאת און נאָכמער, פון דעם וואָס דער חיוב מיתה ביי אוב און ידעוני איז געזאָגט געוואָרן באַזונדער — אוב או ידעוני — לערנט מען אָפּ אַז עס קומט דערויף צוויי חטאות — קדשים לשון רבים, איז פאַרשטאַנדיק ווי אויך דער לעצטער פסוק איז פאַרבונדן מיט „קדושים".

יב. און דאָ זעט מען אויך אַ דבר פלא, ווי דער לעצטער פסוק פון דער סדרה האָט אַ שייכות מיטן לעצטן ענין וואָס רעדט זיך אין לקו"ת פון היינטיקער סדרה:

אין דעם מאמר ד"ה והדרת פני זקן (וואָס דער פסוק שטייט גלייך נאָכן פסוק אל תפנו אל האובות ואל הידעונים גו'), זאָגט דער אַלטער רבי, אַז יעדער איינער דאַרף וויסן און חוקק זיין אין זיין מוח הזכרון גאַנץ תורה. נאָר היות אַז „מחמת צוק העתים וכו'" איז עס דאָך זייער אַ שווערע זאַך, זאָל ער לפחות זיך משתדל זיין צו חוקק זיין במוח הזכרון „ה' חומשי תורת משה" און אין תושבע"פ — סדר קדשים (ששייך לפ' קדושים, כנ"ל) „הנקרא חכמה בדברי רז"ל[32], ומכפר עוונותיו של אדם כמ"ש האריז"ל".

(משיחת ש"פ קדושים תשכ"ה)

29) ראה בארוכה לעיל ע' 5־24 ובהערות שם.

30) ספר יצירה פ"א מ"ז.

31) בהקדמתו לפי' המשניות (ד"ה והחלק הששי). נעתק גם בתויו"ט ריש מס' כריתות.

32) שבת לא, א.

# אמור

**א.** בתחילת הסדרה, וואו דער פסוק זאָגט אַז כהנים טאָרן זיך ניט מטמא זיין, שטייט „אמור אל הכהנים גו' ואמרת אליהם". זאָגט די גמרא [1], און רש"י ברענגט עס בפירושו על התורה: „אמור ואמרת להזהיר גדולים על הקטנים", אַז די צווייטע אמירה איז אַן אזהרה אַז גדולים [2] זאָלן ניט מטמא זיין קיין כהנים קטנים [3].

אָט דעם דין אַז מען טאָר ניט בידים געבן קיין איסור צו קטנים, זאָגט די תורה [4] ביי נאָך צוויי איסורים: ביי אכילת שרצים און ביי אכילת דם, און פון די דריי איסורים — שרצים, דם און טומאת כהנים — לערנט מען אָפּ אויף אַלע איסורים אַז גדולים זיינען מוזהר על הקטנים.

פאַרוואָס דאַרף שטיין דער דין ביי די אַלע דריי זאַכן? זאָגט די גמרא [5] אַז פון שרצים אַליין קען מען ניט אָפּלערנען ווייל „איסורן במשהו" (זייער איסור איז האַרבער פון אַנדערע איסורים דערמיט וואָס ער האָט ניט קיין שיעור און אויך אַ משהו שרץ האָט דעם פולן איסור); פון דם אַליין קען מען ניט אָפּלערנען ווייל ס'איז אַן איסור כרת; און פון ביידע צוזאַמען — שרצים מיט דם — קען מען ניט אָפּלערנען ווייל „איסורן שוה בכל" (זיי זיינען פאַרבאָטן צו אַלע אידן גלייך); פון טומאת כהנים אַליין קען מען ניט אָפּלערנען ווייל כהנים „ריבה בהם מצות יתרות" (מ'האָט זיי אָנגעזאָגט אויף אַ סך מער מצות ווי אַלע אידן). פון אַלע דריי זאַכן צוזאַמען אָבער — לערנט מען אָפּ, מיט אַ „צד השוה", אַז ביי אַלע איסורים זיינען גדולים מוזהר על הקטנים.

דאַרף מען פאַרשטיין: צווישן די איסורים אויף וועלכע אַלע אידן זיינען מוזהר („שוה בכל") זיינען דאָך אויך פאַראַן איסורים וועלכע האָבן ניט קיין ספּעציעלע חומרא, ווי אכילת נבילה למשל, וואָס האָט ניט קיין כרת און איר איסור איז אויך ניט במשהו (נאָר בכזית, ווי אַנדערע מאכלות אסורות). היינט פאַרוואָס האָט די תורה אויסגעקליבן צו אָנזאָגן גדולים על הקטנים דווקא ביי שרצים און דם וועלכע האָבן אַ חומרא מיוחדת — וואָס מאַכט נויטיק אַז דער דין זאָל שטיין דריי מאָל: איין מאָל ביי כהנים און צוויי מאָל ביי איסורים וועלכע זיינען שוה בכל; ווען דער דין שטייט ביי אכילת נבילה וכדומה, וואָלט מען פון דעם אָפּלערנען אויף אַלע איסורים וועלכע זיינען שוה

---

1) יבמות קיד, סע"א. פסיקתא הובאה באוה"ח. וראה תוה"א להרמב"ן מתו"כ.

2) ראה פרמ"ג (ר"ס שמג) השיטות אם גם ישראלים (אף שכ' ואמרת אליהם — ראה אוה"ח ועוד).

3) כדאי' ביבמות שם „דלא ליטמו להו בידים". וכ"ה בשו"ע אדמוה"ז או"ח (סשמ"ג סוס"ג), שגם גבי טומאה „א"צ להוציאו מהבית שהטומאה בתוכו". (בב"י באו"ח שם שבג' הדברים (שרצים דם טומאה) צריך להפריש, ובב"ח שם שבטומאה עכ"פ צריך להפריש, אבל ראה מג"א ר"ס שמ"ג שלא כן דעת הרמ"א ורוב הפוסקים. וראה רמב"ן כאן).

4) שמיני יא, מב. אחרי יז, יב.

5) יבמות שם ואילך.